# דברות קודש

# מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מוצש"ק פרשת ויצא שנת תש"ע לפ"ק - במסיבה השנתי לטובת המוסדות הק' בבארא פארק

## מיטן זעלבן לבוש ווי די עלטערן

**ויצא יעקב מבאר שבע,** שטייט אין מגלה עמוקות ויצ"א איז די ראשי תיבות ו'ירא י'עקב צ'ורת א'לף, מען קען זאגן אביסל אנדערש, ויצ"א איז די ראשי תיבות ו'ירא י'עקב צ'ורת א'בותיו.

**קען** זיין אזוי, שטייט אין דברי יחזקאל פון שינאווער רב ז"ל, ער זאגט אין פרשת וישב אויפן פסוק ותתפשהו בבגדו, ביי די נסיון פון יוסף הצדיק האט זי אנגעכאפט אין זיין בגד, זאגט דער הייליגער שינאווער רב ז"ל, אז יוסף הצדיק איז אנגעקומען קיין מצרים מיט א חסיד'ישן לבוש, ער האט זיך דערזען אזוי אין מצרים אז מיט דעם לבוש קען ער נישט אזוי אויפטון דאס וואס ער וויל אויפטון, האט ער זיך געטראכט אז ער דארף זיך אביסל צושטעלן כדי ער זאל קענען האבן א איינפלוס אין מצרים, האט ער אביסל אנגעהויבן משנה צו זיין די מלבושים ער זאל נישט זיין אזוי אויפפאלנד, אזוי כאניאקיש ווי מען רופט עס. אבער דאס האט גורם געווען דעם נסיון, זאגט ער ותתפשהו, **זי האט אים געכאפט, בבגדו, מיט דעם וואס יוסף הצדיק האט משנה געווען, ער האט זיך געוואלט אביסל צושטעלן מיטן בגד, יוסף הצדיק האט דאס דעמאלטס געכאפט, האט ער באשלאסן ויעזוב בגדו אצלה, איך לאז איבער די מלבושים, וינס ויצא החוצה, איך גיי צוריק צו די מלבושים אזוי ווי זיין טאטע האט אים אנגעטון.**

**דעם** זעלבן ווארט זאגט מען נאך פון פלאנטשער רב ז"ל, און ער לייגט צו נאך א ווארט צו דעם טייטש, נראה לו דמות דיוקנו של אביו, נראה לו איז א לשון פון געפעלן, דעמאלטס ביי די נסיון איז אים געפאלן דעם דמות דיוקנו של אביו, יוסף הצדיק האט געזען וואס דאס ברענגט אז מען טוט זיך אביסל מאדערנעזירן, מען טוט זיך אביסל צושטעלן צו געפעלן פאר די גאס, אין וואסערע נסיון מען פאלט אריין, איז נראה לו דמות דיוקנו של אביו, **ס'איז אים געפאלן די אלטע טראכט, אזוי ווי זיין טאטע איז געגאנגען, אז אזוי וויל ער גיין.**

**באמת** האט דאך אויך יעקב אבינו מיטגעמאכט דעם זעלבן עסק, ער איז טאקע נישט געווען אזוי יונג ווי יוסף הצדיק, אבער ער איז אויך אוועק געגאנגען עלנד קיין חרן, ער האט נישט געקענט קיינעם, ער איז אנגעקומען אין א נייע מקום אין א נייע מדינה אין א פרעמדע פארדארבענע מקום, יעקב אבינו האט אויך געהאט דעם ספק וואס ער זאל טון. ו'ירא י'עקב צ'ורת א'בותיו, אזוי ווי נראה לו דמות דיוקנו של אביו, ויר"א, ס'איז אים געפאלן צורת אבותיו, ער גייט קיין חרן, און **ס'האט אים געפאלן אזוי גיי איך גיין אין חרן, איך גיי דא זיין אזוי ווי מיין טאטע יצחק איז געגאנגען אין ארץ ישראל, און אזוי ווי אברהם אבינו איז געגאנגען אנגעטון, אזוי וועל איך גיין אנגעטון אין חרן.**

**די** הייליגע תורה פון א הייליגן איד, דאס זאגט זייער אסאך פאר אונז, פאר יעדן איינעם אביסל, ס'דאכט זיך, מען גייט ארויס ארבעטן, אין ישיבה איז מען טאקע געגאנגען מיט א חסיד'יש רעקל מיט א חסיד'יש הוט און מיטן טלית קטן [אינדרויסן], און אז מען ווערט אביסל א סוחר מען גייט ארבעטן, הייבט זיך אן אזוי, [מען איז משנה דעם לבוש].

## אכטונג געבן פון מאדערנע שכנים

**איך** האב געהערט די וואך א אינטערעסאנטע מעשה פונעם בעל העובדא אליין (שוין א מעשה מיט אסאך יארן צוריק), האט דערציילט א איד אז ער האט זיך מחמת איזה סיבה געדארפט זיך ציען קיין קווינס, איז ער אריין געגאנגען מיט זיין ווייב צום פעטער ז"ל זיך מייעץ זיין, צו ער זאל יא מופן קיין קווינס אדער נישט, ער האט נאך געהאט קינדער אין שטוב, און דער פעטער האט זיי געפרעגט ווי זיי גייען שיקן די קינדער לערנען ווען זיי וועלן וואוינען דארט אין קווינס, האבן זיי געענטפערט אז זיי ווילן ווייטער שיקן די קינדער לערנען קיין וויליאמסבורג, אויב אזוי - האט דער פעטער געזאגט - איז נישט קיין פראבלעם.

**האט** ער זיי ווידער געפרעגט, ווער זענען די שכנים, פרייע אדער מאדערנע אידן?, האבן זיי געענטפערט אז פרייע אידן, האט דער פעטער געזאגט, אז ס'איז נישט קיין פראבלעם, מאדערנע איז א פראבלעם, פרייע איז נישט קיין פראבלעם. די מעשה האב איך די וואך געהערט פון דעם איד.

**וואס** איז די פשט, **פון א פרייען איד לערנט מען זיך נישט אפ אזוי, אבער פון א מאדערנעם איד, ער עסט דאך אויך כשר'ס, דאס קען זיין אסאך מאל מער שעדליך ווי א פרייער איד.**

**און** דאס איז וואס איך וויל זאגן דא אין בארא פארק, בארא פארק איז זייער א שיינע שטאט, זייער א ערליכע שטאט, עס וואוינען דא חסיד'ישע אידן, איך בין געווען דא שבת, און איך האב א גרויס הנאה געהאט, מען דארף זאגן מקצת שבחו בפניו פונעם ציבור, דאס דאווענען אין ביהמ"ד איז ב"ה געשטיגן, מען זעט חסיד'ישע אינגעלייט, ס'איז ב"ה געשטיגן אין כמה ענינים. אבער די שטאט איז נישט קיין טלית שכולו תכלת, ס'איז דא אסאך שוואכערע, מען קען וואוינען טיר ביי טיר, איינער אויבן איינער אונטן, און ממילא קומט אויס, אז מען וויל זיך צומאל צושטעלן צו די שכנים אדער צו די גאס,

## פרנסה מיטן חסיד׳ישן לבוש

**וירא יעקב צורת אבותיו, ס׳דארף געפעלן די צורת אבותיו, מען דארף גיין אזוי מיט דעם כאניאקישן לבוש אזוי ווי מען איז ארויס געקומען פון די ישיבה,** אמעריקא איז נישט ווי אין די אלטע היים, אין אמעריקא קען מען מאכן מסחרים, און מען קען מצליח זיין, און נישט דאס [טוישן דעם לבוש] ברענגט די הצלחה, אוודאי די ערשטע זאך דארף מען האבן סייעתא דשמיא, און אפילו אז מען דארף האבן חן, **אז דער אייבערשטער העלפט קען מען גיין מיטן וואסערע לבוש מען וויל נאר, מען קען מיט אלעם גיין, און ס׳שאדט נישט.**

די קומענדיגע וואך שטייט ויבא יעקב שלם, יעקב אבינו איז אנגעקומען בשלימות, של״ם זאגט דער חתם סופר איז ש׳ם ל׳שון מ׳לבוש, ס׳דארף זיין שם לשון מיטן מלבוש. **די פיאות מעגן העגן, מען דארף זיך גארנישט שעמען, און מען קען אלעס מצליח זיין, מען דארף נאר גיין צאמגערוימט, אבער מען מעג גיין מיט א חסיד׳ישן לבוש, אומגעשעמט, דאס רעקל, כהנה וכהנה, מען מעג גיין מיט א פולן חסיד׳ישן לבוש, ס׳וועט קיינעם גארנישט נישט שאטן.**

און דאס זעלבע אין עזרת נשים, מען דארף אכטונג געבן אז מען זאל זיין אפגעהיטן, א חסיד׳ישער אינגערמאן דארף האבן א חסיד׳ישע שטוב, בכל פרטיה ודקדוקיה, ס׳טאר נישט זיין קיין חילוק צו מען וואוינט אין קרית יואל אדער אין וויליאמסבורג צו אין מאנסי אדער בארא פארק, **פארן באשעפער איז נישט קיין חילוק ווי מען וואוינט, און ביי אונז טאר נישט זיין קיין חילוק, די שטוב דארף זיין א ערליכע אפגעהיטענע חסיד׳ישע שטוב.**

## רעדן די אידישע שפראך

**דער** טאטע ז״ל האט דערציילט, ער האט עס געהערט פונעם בעל העובדא - איך האב שוין מערערע מאל דערציילט די מעשה - דער שינאווער רב ז״ל איז אמאל געווען אויף א שבת אין סיגעט, ער איז איינגעשטאנען ביי ר׳ קלמן כהנא, ר׳ קלמן איז געווען א גרויסער עושר און א גרויסער צאנזער חסיד, שבת מיטאג ביים טיש האט דער שינאווער רב געזאגט פאר ר׳ קלמן, אז צו שלש סעודות וויל איך נישט גיין אין ביהמ״ד, שלש סעודות וויל איך פירן דא אין שטוב, און זאלסט קיינעם נישט אריינלאזן, נאר פאר די משפחה. איז געווען דארט א אינגערמאן וואס האט זיך באהאלטן דארט אין שטוב כדי מיטצוהאלטן דעם שלש סעודות וואס דער שינאווער רב לאזט קיינעם נישט זיין דארט, מען האט געזינגען זמירות כנהוג, און ווען ס׳איז געקומען צו די תורה האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט, היינט אינדערפרי ווען ער האט זיך צוגעגרייט צום דאווענען, איז ער דורכגעגאנגען דעם הויף, און ס׳זענען געווען דארט קליינע מיידלעך וואס האבן זיך געשפילט אין הויף, און האבן גערעדט צווישן זיך אונגאריש, און דער שינאווער רב האט געהערט ווי די מיידלעך רעדן צווישן זיך אונגאריש, און ער האט זיך גענומען זאגן א גאנצע מוסר דרשה, וואס הייסט דאס אז מיידלעך צווישן זיך זאלן רעדן די גוי׳אישע שפראך, און נישט רעדן אידיש.

**מורי ורבותי, מען דארף פון דעם רעדן דא אין בארא פארק, ס׳איז דא פיינע חסיד׳ישע יונגעלייט, און פיינע חסיד׳ישע הייזער, און די קינדער רעדן ענגליש, די מאמע מיט די קינדער רעדן ענגליש, די קינדער מיט די חבר׳טעס רעדן ענגליש, מורי ורבותי, הלואי קען מען הערן די דברי תוכחה פונעם הייליגן שינאווער רב אויף דעם, חסיד׳ישע אידן דארפן רעדן אידיש, גרויס און קליין, אנשים נשים וטף, און מען דארף לייגן א דגוש אויף דעם, ויבא יעקב של״ם, שם לשון מלבוש, אידישע נעמען אידישע מלבושים און אידישע שפראך, און דאס איז א יסוד פאר א אידישע שטוב.**

## חינוך אינדערהיים - אזוי ווי אין בית חינוך

מען שיקט די קינדער אין בית חינוך, א חסיד׳ישן בית חינוך, ווייל מען וויל געבן פאר די קינדער א חסיד׳ישן חינוך, מען טאר נישט מאכן אינדערהיים א סתירה צום בית חינוך, די בית חינוך לערנט אויס מען זאל גיין מיט חסיד׳ישע מלבושים און רעדן די אידישע שפראך, אז מען ווייזט אינדערהיים אז ס׳איז  נישט וויכטיג, טוט מען מחנך זיין דאס קינד, אז וואס מען איז מחנך אין בית חינוך איז לאו דוקא, און נישט לאו דוקא, נאר דוקא לאו, דאס איז דער יסוד פון דעם. מען דארף שטעלן א דגוש צו האבן ערליכע חסיד׳ישע הייזער.

## מיט וועם מען איז זיך מתחבר

**איך** וויל דערציילן נאך א מעשה מיט א ווערטל, ס׳איז געווען א גרויסער צדיק הרה״ק ר׳ וועלוול זבאריזשער, און ער האט יעדען איינעם גערופן צדיק, צדיק קום אהער, צדיק איך וויל דיר עפעס זאגן, איז געווען דארט א בעל עגלה, און ער האט אים געזאגט, צדיק קום אהער איך וויל פארן מיט דיר, זאגט ער רבי, איך בין א צדיק, אפשר זענען מיר זיך משדך, האט ער אים געענטפערט ביזט טאקע א צדיק, נאר דו צדיק זיי דיך משדך מיט א צדיק דיין גלייכן, און איך צדיק וועל מיר משדך זיין מיט א צדיק מיין גלייכן.

**דא** אין בארא פארק איז דא זייער אסאך וואוילע אידן, אלעס צדיקים, נאר דו צדיק דאוון מיט א צדיק דיין גלייכן, און אונז דארף מיר דאווענען מיט צדיקים אונזער גלייכן, אונז דארף מיר זען זיך צוזאמען קומען און דאווענען אין א חסיד׳ישע ביהמ״ד, אז מען דאוונט חסיד׳ישע אידן צוזאמען, דאוונט מען מיט א התלהבות, מען דאוונט ערליך, און ס׳לערנט זיך איינער אפ פונעם צווייטן, מדות טובות יראת שמים ערליכקייט, ס׳דארף זיין דער ויגבה לבו בדרכי ה׳, מען דארף האבן גאות דקדושה, **יא איך שעם מיך נישט, איך בין א סאטמארע חסיד, איך פאדער פון מיר מער, איך מאן פון מיר מער, ווייל איך דארף צו זיין מער ווי אלגעמיין, ממילא דארף מען צו וויסן, מען קען נישט עסן אלעס, מען קען נישט עסן איבעראל, און מען קען נישט עסן יעדן הכשר, איך מאן פון מיר מער, איך בין מער אפגעהיטן, אפילו וואס איז גוט פאר די גאס.**